בס"ד

גליון
# שיחתי

שיעורי הרב
משה יצחק
אויסטערליץ
שליט"א

רד
**פרשת נח** תשפ"ד

מכון שיחתי
שיעורי הרב משה יצחק אויסטערליץ שליט"א

## א קשת פון קדושה

### "קשת-כסליו" אינ'ם "חשון'דיגן-ענן"

צוזאמען מיט דער שבועה פון מי נח אז ס'וועט מער נישט זיין קיין מבול, איז צוגעקומען דער אות הברית וואס דער אייבערשטער האט געמאכט אלס סימן: "ונראתה הקשת בענן". מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען אביסל פארטייטשן אן אינטערעסאנטע גמרא בענין אות "הקשת".

איז פאסיג מקדים זיין א מליצה'דיגן טייטש בדרך רמז. מ'איז אריין אין חודש חשון; חודש חשון זעט אויס ווי א חודש וואס האט נישט קיין יום טוב, ס'איז אינגאנצן אזא פשוט'ער חודש. עס זענען דא וואס ווילן עס אפילו אריינלייגן אין דעם ווארט "מר", הגם בפשטות מיינט דאס ווארט "מרחשון" נישט א לשון פון ביטער, אבער ס'זעט אויס ווי א זייער פשוט'ער חודש. די עצה אויף דעם איז, ווי ס'איז באקאנט פונעם הייליגן רבי ר' **הערשעלע רימנובער זיע"א** (וועמענס יארצייט געפאלט טאקע ביי דעם אריבערגאנג צווישן חודש חשון און דעם לעכטיגן חודש כסלו), אז ווען מ'גייט אריין אין ווינטער, **שיינט שוין אנטקעגן דאס אור;** דאס לעכטעלע פון די חנוכה לעכט שיינט שוין פאראויס. גייט מען אין חודש חשון שוין לאורו פונעם קומענדיגן חודש, חודש כסלו.

אפשר קען מען עס איינטייטשן בדרך מליצה: דער מזל פון **כסלו** איז דאך **קשת.** דער הייליגער **בני יששכר** טייטשט אויס דעם גאנצן ענין פונעם **קשת** ביי **ל"ג בעומר**, אז אלעס איז געבויט אויף דעם מזל קשת פון כסלו. ער גייט אריין אין דעם ענין אז די לידה פון יששכר איז געווען אין כסלו. דער ענין פון א **קשת** סימבאליזירט דעם **לעכטיגן חודש כסלו**, די התנוצצות פון אור התורה.

חודש חשון קען מען אפשר אנרופן אביסל א "פארוואלקנטן" חודש. ס'איז דאך אויך כפשוטו פארוואלקנט, ס'איז א חודש פון רעגן. אבער דאס ווארט "פארוואלקנט" נוצט מען אסאך מאל אויף ווען דער מצב איז "פארוואלקנט" און נישט ספעציעל לעכטיג. קומט דער פסוק זאגן, אז ווען עס וועט קומען חודש חשון און דער עולם וועט פילן אז עפעס איז צו פשוט און פארוואלקנט, וויאזוי וועט מען זיך קענען אביסל אויפלעבן אפילו אין חודש חשון? אז מ'וועט קוקן פאראויס און **לאזן אריינשיינען דאס אור פון חודש כסלו אין חודש חשון אריין**, וועט דאס זיין ממש א מחיה. "**והיה**" - ס'וועט זיין א שמחה, "**בענני ענן על הארץ**" - ווען ס'וועט קומען דער פארוואלקנטער חודש חשון, וויאזוי וועט זיין א שמחה? אז "**ונראתה הקשת בענן**" - מ'וועט שוין זען דעם קומענדיגן חודש, חודש כסלו, דער חודש פון קשת. מ'וועט שוין זען פאראויס אינעם ענן, און אז מ'וועט גיין לאורו פון חודש כסלו שוין פון אנפאנג חשון, וועט זיין ממש א **געוואלדיגע שמחה און א געוואלדיגע אורה.**

### ר' יהושע בן לוי קומט ארויף אין הימל

דער עצם ענין פון די קשת, איז דא א וועלט צו רעדן דערוועגן. עס איז דא די באקאנטע קשיא וואס די ראשונים פרעגן שוין, דער הייליגער רמב"ן ועוד, אז די קשת איז דאך א זאך פון די נאטור (דבר טבעי). נאך מער, עס איז משמע אז דאס איז שוין געווען איינע פון די עשרה דברים שנבראו ערב שבת בין השמשות. דאס איז א שמועס פאר זיך וואס מיר וועלן יעצט נישט אריינגיין אין דעם. מיר ווילן בעיקר פארטייטשן א מעשה אין דער גמרא. די **גמרא** אין **מסכת כתובות** סוף פרק המדיר ברענגט א באקאנטע מעשה;

דער הייליגער תנא [אדער אמורא,] **רבי**

**יהושע בן לוי** - [ווי באקאנט איז רבי יהושע בן לוי געווען א תלמיד פון רבינו הקדוש, און ער ווערט טאקע איינמאל דערמאנט אין די משניות ממש סוף מסכת עוקצין, און ער ווערט גערעכנט "צווישן" די תנאים און אמוראים] - איז ארויפגעקומען אויבן אין הימל, מען האט געמאכט א גאנצן עסק: "פנו מקום לבר ליואי!". מען האט אויסגערופן אז מען זאל מאכן פלאץ פאר אים און אים אויפנעמען מיט די ריכטיגע חשיבות פאר אזא גרויסן צדיק. ער האט דארט געטראפן **רבי שמעון בר יוחאי,** וועלכער איז געזעסן אויף דרייצן שטולן פון גאלד. דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי האט באגריסט רבי יהושע בן לוי, וואס איז יעצט ארויפגעקומען אין עולם העליון.

פרעגט אים רבי שמעון בר יוחאי: "דו ביסט בר ליואי? דו ביסט דער וועמען מען מיינט, אויף וועמען מען מאכט יעצט דעם גאנצן מצב פון 'פנו מקום לבר ליואי'?" האט ער געענטפערט: "יא, איך בין דער בר ליואי." פרעגט ער אים ווייטער: "נראתה הקשת בימיך? איז געזען געווארן א רעגנבויגן אין דיינע טעג?" האט ער געענטפערט: "הן" - יא, אין מיינע יארן האט זיך געמאכט אז מען זאל זען א קשת. האט אים רבי שמעון בר יוחאי געענטפערט: "אם כן, אי אתה בר ליואי" - אויב אזוי ביסטו נישט בר ליואי, דו ביסט נישט דער וואס עס איז ראוי צו מאכן אזא מצב פאר אים. אויב ביסטו נישט געווען אן אויסנאמער בעל זכות און א גרויסער צדיק אז אין דיינע יארן זאל נישט זיין קיין קשת, ביסטו נישט דער ריכטיגער בר ליואי. פירט אבער די גמרא אויס אז באמת איז נישט אזוי געווען; עס איז קיינמאל נישט געזען געווארן קיין קשת אין די יארן פון רבי יהושע בן לוי. "ולא היא" - עס איז נישט געווען, לא הוה ולא מידי. דאס וואס ער האט געענטפערט "הן", אז עס איז יא געווען א קשת, איז געווען ווייל ער האט געטראכט "לא אחזיק טיבותא לנפשאי" - ער האט זיך נישט געוואלט ארויסשטעלן אלס אזא בעל מדרגה, האט ער געזאגט אז עס איז יא געווען. עס קומט אויס אז באמת איז נישט געווען קיין קשת אין זיינע יארן, און וואס ער האט געענטפערט פאר רבי שמעון בר יוחאי איז פשוט געווען ווייל ער האט נישט געוואלט נעמען דעם כבוד פאר זיך.

איידער מיר גייען פארטייטשן די גמרא, קען מען פון דא זען דעם פשט אין א רש"י אין די וואכעדיגע פרשה. ווען מען לערנט חומש מיט רש"י מען קען מסופק זיין אויף צוויי וועגן ווי אזוי צו לערנען דעם פשט, און פון די גמרא קען מען זען וועלכער פשט איז ריכטיג. דער אייבערשטער זאגט אז דער אות ברית פון די קשת וועט זיין א ברית "לדורות עולם". זאגט רש"י אז דאס ווארט "לדרת" שטייט חסר (פעלעריג), ווייל נישט אין אלע דורות האט מען געדארפט דעם אות הקשת; עס זענען געווען די דורות פון חזקיה המלך און רבי שמעון בר יוחאי וואס זענען געווען אזעלכע גרויסע צדיקים, אז עס איז נישט געווען קיין קשת. "לדורות עולם חסר כתיב" - ווייל נישט אייביג איז דער אות ברית געווען נוגע, עס זענען געווען געוויסע דורות וואס זענען דורך אן קיין אות הקשת.

לאמיר יעצט פארשטיין: וואו ליגט דער רמז אין "לדרת חסר"? אז וויבאלד עס פעלט די ו' פונעם ווארט צייגט דאס אז אין געוויסע דורות איז עס נישט געווען. עס זענען דא צוויי וועגן ווי אזוי די מפרשים לערנען פשט: טייל זאגן אז "לדורות חסר" מיינט פשוטו כמשמעו - עס "פעלט", נישט אין אלע דורות איז עס געווען. די תורה רעדט פון **דורות** און מאכט עס **חסר,** ווייל עס פעלן דורות וואס זענען נישט נכלל אין דעם "לדורות עולם". אנדערע ווילן אבער לערנען אביסל טיפער: אין דעם ווארט "לדרת" פעלן צוויי מאל די אות ו'. א **ו'** איז דאך מרמז אויף די זעקסטע מדה פון יסוד, די מדה פון צדיק. דאס ווייזט אז עס פעלן צוויי ו'ן. בכלל ווייזט דער ענין פון **קשת** אויף כח הקדושה, און מען ווייזט דא אז עס זענען געווען צוויי דורות וואס האבן געהאט אזא צדיק וואס האט אוועקגענומען די נויט פאר א קשת. לויט דעם טייטשט מען "לדורות חסר" אז מען האט ארויסגענומען צוויי ו'ן, ווי צו זאגן אז צוויי צדיקים (צוויי ו'ן) האבן "ארויסגענומען" די קשת פון זייער דור. וועלכער פשט איז דער ריכטיגער? צי מיינט "לדורות חסר" פשוט אז עס פעלט אין די צאל דורות, אדער ווייל עס פעלן די צוויי ו'ן ווייזט עס אז צוויי צדיקים האבן מבטל געווען די קשת אין זייער דור?

דער "משכיל לדוד" אויף רש"י זאגט, אז אבער הגם דער צווייטער פשט איז אפשר מער א געשמאקער און פנימיות'דיגער פשט ווייל לויט דעם צווייטן פשט פעלן נאר צוויי ו'ן, וואס מיינט אז בלויז אין **צוויי דורות** איז נישט געווען קיין קשת. אבער דא האבן מיר דאך יעצט געלערנט אין די גמרא אין כתובות, אז אין די צייטן פון רבי יהושע בן לוי איז אויך נישט געווען קיין קשת, קומט אויס אז מיר האבן שוין **דריי דורות,** און עס פעלן דאך נאר **צוויי** ו'ן. וויבאלד מ'זעט אין די גמרא אז עס זענען באמת געווען דריי דורות וואס האבן נישט געזען קיין קשת, מוז מען זאגן פשוט אז דער פשט איז טאקע "לדורות עולם" חסר - אז עס פעלט, ווייל נישט אין אלע דורות איז דאס געווען נוגע. און עס איז נישט באגרעניצט צו דווקא א באשטימטע צאל דורות.

## ״שקר״ ח״ו, אויפן ״עולם האמת״?

די עיקר נקודה וואס מ'מוטשעט זיך אויף די גמרא איז א געוואלדיגער פלא והפלא. מיר ווייסן דאך אלעמאל אז מיר לעבן אין אן "עולם השקר", און די הימל איז אן "עולם האמת". אפילו אין דעם עולם השקר זאגט נישט יעדער איינער ליגנט, נאר עס זענען דא זאכן וואס פירן זיך מיט פאלשקייט און מענטשן פירן זיך אויף פאלש. אבער אין עולם האמת זענען נישטא קיין צוויי וועגן, דארט קומט ארויס דער אמת פון יעדע זאך. בפרט דער הייליגער תנא רבי יהושע בן לוי, וואס די גמרא זאגט גלייך פריער אז ער איז געווען ממש **א שטיק אמת,** אז ער האט קיינמאל נישט געבעטן א שאלת חכם אויף א שבועה. ווי קען טאקע זיין אז דער

הייליגער תנא רבי יהושע בן לוי געפינט זיך אין עולם האמת, און ווען רבי שמעון בר יוחאי פרעגט אים א שאלה, ענטפערט ער א ליגנט? ער פרעגט אים: "איז געווען א קשת אין דיינע טעג?" און ער ענטפערט אים: "יא, עס איז געווען." דערוייל זאגט די גמרא אז עס איז נישט געווען, נאר ער האט פשוט נישט געוואלט מחזיק טובה זיין לנפשו.

להלכה ווערט אראפגעברענגט די מעשה פון רבי יהושע בן לוי, און מ'לערנט ארויס פונעם דעם א הלכה אין הלכות תענית. קומענדיגע וואך וועט דאך זיין **תענית בה"ב. בה"ב** איז בעצם א תענית וואס שטייט אין **שולחן ערוך**, אזוי אויך זענען דא אנדערע תעניתים וואס א יחיד פאסט אמאל. אין **שולחן ערוך סימן תקס"ה** שטייט א שארפע לשון, אז איינער וואס פאסט און ער איז עס מפרסם, ער זוכט זיך צו משתבח זיין כדי דער עולם זאל וויסן אז ער פאסט, איז דאס זייער הארב. מ'זעט טאקע אז ערליכע אידן וואס פלעגן פאסטן תעניתים, האבן אלץ געזוכט זיך ארויסצודרייען און עס באהאלטן כדי נישט צו רעדן דערפון, ווייל מאכן א פרסום פונעם תענית האט נישט קיין חשיבות.

שטעלט זיך יעצט די שאלה: וואס טוט א איד וואס פאסט? ער וויל נישט מפרסם זיין פאר אנדערע אז ער פאסט בה"ב אדער אנדערע תעניתים, און איינער איז אים מכבד מיט א לחיים אדער עפעס צו טרינקען, און ער וויל זיך ארויסדרייען און זאגן אז ער קען נישט עסן. מעג ער ענטפערן אז ער פאסט און דערפאר קען ער נישט עסן, אדער דארף ער זוכן אנדערע תירוצים? און אויב ער מעג זאגן א "ליגנט", ווי למשל זאגן אז ער האט שוין געטרונקען א קאווע אדער אז ער איז פליישיג וכדומה, איז די שאלה: וויבאלד עס איז נישט גוט מפרסם צו זיין דעם תענית, אויב מ'פרעגט אים יא צי ער פאסט, צי איז דער ענין פון "נישט מפרסם זיין" דעם תענית א גענוג גוטע סיבה צו זאגן א ליגנט?

דער **"טורי זהב"** סימן תקס"ה סעיף קטן ו' פסק'נט אז מ'מעג זאגן א ליגנט, און זיך ארויסדרייען מיט אן אנדערן תירוץ, כדי נישט צו דארפן ענטפערן אז מ'פאסט. הגם מיר ווייסן נאר פון א היתר צו זאגן א ליגנט ווען עס איז פאר "דרכי שלום", אבער דא אין די גמרא זעט מען אויך א היתר אז ווען מ'וויל נישט מפרסם זיין זיין מדריגה, מעג מען אויך זאגן א ליגנט. רבי יהושע בן לוי זאגט א ליגנט אז עס איז געווען א קשת, כאטש עס איז נישט אמת. זאגט דער ט"ז, אז אויב א מענטש פרעגט אים, מעג ער זאגן א ליגנט. און ווי מ'זעט פון די מעשה אין פרק המדיר מיט רבי יהושע בן לוי, גייט דאס אויך אריין אין גדר פון "דרכי שלום", ווייל דאס ווארט דרכי שלום מיינט נישט דוקא שלום צווישן מענטשן, נאר יעדע דבר מצוה איז אויך אין דעם גדר, און עס איז א **דבר מצוה נישט מפרסם צו זיין זיין גרויסקייט.**

דער "מגן אברהם" אויפ'ן פלאץ האלט נישט אז "מ'טאר נישט" ענטפערן דעם אמת, נאר ער האלט אז עס איז א "מדת חסידות" דאס צו באהאלטן. ער ברענגט אויך צו די זעלבע גמרא, און אויך די גמרא אין בבא מציעא וועגן "משנה זיין במסכתא". מ'זעט אז די גדולי הפוסקים, דער מגן אברהם און דער ט"ז, האבן אפגעלערנט די גמרא מיט א פשטות אז עס איז טאקע געווען א ליגנט, און מ'ברענגט טאקע א ראיה אז ווען א מענטש דארף עס פאר זיין עבודת השם, צו באהאלטן זיינע מדריגות און זיין גרויסע עבודה, איז דא א היתר צו זאגן א ליגנט.

מ'זעט אבער אז די מפרשים האבן יא געזוכט תירוצים, טאקע ווייל מ'רעדט דא פון עולם האמת און פון רבי יהושע בן לוי. זיי האבן געזוכט וועגן אז עס זאל נישט זיין ממש קיין ליגנט, נאר כאטש א "מילתא דמשתמעא לתרי אנפי" (א זאך וואס קען אויסגעטייטשט ווערן אויף צוויי וועגן), כדי עס זאל נישט הייסן קיין ליגנט. עס זאל הייסן אז לויט ווי רבי שמעון בר יוחאי האט געמיינט צו פרעגן, האט ער אים געענטפערט אז עס איז געווען א קשת, אבער עס זאל נישט זיין קיין פשוט'ער ליגנט. וועלן מיר אויסשמועסן עטליכע שיינע תירוצים צו פארשטיין וואס רבי יהושע בן לוי האט געמיינט צו זאגן, אז עס איז געווען א לשון וואס קען אויסגעטייטשט ווערן אויף צוויי וועגן.

## וועלכע צייט האט גערעגנט...

איידער מיר וועלן איבערזאגן די "תירוצים", וועלן מיר קודם נאכזאגן אויפן לשון "השאלה" פון רשב"י, א פשט פונעם הייליגן **רמ"א**. דער ענין פון קשת האט א געוואלדיגע שייכות מיט'ן רמ"א מצד דעם טאג ל"ג בעומר. דער טאג ווען עס איז דא דער מנהג ביי די תלמידים צו שיסן מיט א קשת, איז דאך אויך דער יארצייט פונעם הייליגן רמ"א. הגם בפשטות איז אלעס צוליב רבי שמעון בר יוחאי, וועט מען באלד זען אז עס איז דא א שטארקער קשר צווישן דעם **קשת** פון **ל"ג בעומר** און דעם **רמ"א** אליינס.

דער **של"ה הקדוש** די וואך איז מסביר בכלל דעם געדאנק וויאזוי א **קשת** קען זיין אן **אות**, אין די צייט וואס א קשת איז א נאטורליכע זאך. ברענגט דער של"ה הקדוש בשם דעם **רמ"א**, אז לכאורה ווייסט מען דאך אז ווען די זון שיינט אריין אין די וואלקענס ווערט א קשת; וויאזוי קען דאס דינען אלס אן "אות ברית"? ענטפערט דער הייליגער רמ"א אז עס איז מדויק אין די לשון: רבי שמעון בר יוחאי האט געפרעגט פון רבי יהושע בן לוי "**נראתה הקשת בימיך**?" - וואס מיינט די לשון "**בימיך**" (אין דיינע טעג)? ער האט געוואלט מדייק זיין אזוי: באמת איז א קשת א נאטורליכע זאך וואס פאסירט ווען עס איז פארוואלקנט און די זון שיינט אריין. אבער פארוואס זאל זיין פארוואלקנט דעמאלטס ווען די זון שיינט? דאס איז ווייל עס רעגנט. מיר ווייסן דאך אז ווען אידן פירן זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, איז דא א הבטחה פון "ונתתי גשמיכם בעתם", וואס מיינט אז עס וועט רעגענען דעמאלטס "בשעה שאין בני אדם מצויים בשוק", דהיינו

נאר ביינאכט, ווי בלילי רביעיות ובלילי שבתות. קומט אויס, אז אויב עס רעגנט נאר ביינאכט, קען נישט זיין קיין קשת, ווייל עס איז נישט פארוואלקנט צוזאמען מיט די זון. ממילא, ווען עס רעגנט בייטאג און די זון שיינט אריין אין די וואלקענס, קען מען טראכטן אז עס איז א נאטורליכע זאך, אבער די עצם מציאות פון **רעגענען בייטאג** איז שוין אליינס א קשיא.

האט ער אים געפרעגט: "נראתה הקשת **בימיך?**" - איז די קשת געזען געווארן אין **דיינע טעג?** ער האט פשוט געמיינט צו פרעגן: פלעגט עס אין דיינע צייטן רעגענען **בייטאג**? אדער איז דיין דור געווען אזא חשוב'ער דור, וואס איז געווען בבחינת "אם בחוקותי תלכו", אז עס האט נאר גערעגנט **ביינאכט?** און אז עס האט גערעגנט ביינאכט, איז ממילא נישט געווען קיין קשת. ער האט מדייק געווען מיט דעם ווארט "בימיך" ארויסצובריינגען וואס די פראבלעם פון א קשת איז, אפילו אויב עס איז א דבר טבעי. די פראבלעם איז "בימיך" - ווי קומט רעגן בייטאג? ביי אזא צדיק ווי רבי יהושע בן לוי וואלט אין זיין דור געדארפט זיין אזא שלימות אז עס זאל קיינמאל נישט רעגענען בייטאג. דאס איז דער פשט פונעם הייליגן רמ"א אין דעם דיוק הלשון "בימיך".

## "דיינע צייטן– מיינע צייטן"

יעצט לאמיר זען די עטליכע תירוצים וואס זענען דא, כדי עס זאל נישט הייסן קיין ליגנט דאס וואס רבי יהושע בן לוי האט געענטפערט. דער "**בן יהוידע**" אויפן פלאץ זאגט ממש א קורצן און גרינגן תירוץ: דאס וואס עס שטייט אז עס איז נישט געווען קיין קשת אין די צייטן פון רבי יהושע בן לוי, מיינט מען צו זאגן דעמאלטס ווען רבי יהושע בן לוי איז שוין געווען גרויס, אלס דער צדיק און דער גדול הדור. אבער ווען ער איז געווען א קליין קינד, א יונגעלע, דעמאלטס איז ער נאכנישט געווען גערעכנט אין חשבון. דאס הייסט, ווען רבי יהושע בן לוי איז געווען א יונגל, איז עס נאכנישט געווען "**זיינע צייטן**". זעט אויס אז ווען רבי יהושע בן לוי איז געווען א יונגל, איז יא געווען א קשת. אסאך מענטשן נוצן אזא אויסדרוק: "**אין מיינע צייטן**". ווען הייסט עס "מיינע צייטן"? מיינע צייטן איז דעמאלטס ווען דער מענטש איז בתקפו. ער האט אים דאס געמיינט צו פרעגן, און ער האט אים געזאגט: " נראתה קשת בימיך?" - איז די קשת געווען אין דיינע טעג, מיינענדיג ווען דו ביסט שוין געווען דער גדול הדור און דער גרויסער צדיק? און ער האט געענטפערט "יא", ווייל ער האט זיך דערמאנט אין "**זיינע טעג**" ווען ער איז געווען א קליין יונגל. דאס ווערט נישט פאררעכנט אלס קיין ליגנט; עס איז אמאל געווען, עס איז געווען אמת, עס איז געווען א "מילתא דמשתמע לתרי אנפי", אבער קיין ליגנט איז עס נישט געווען, ווייל עס האט זיך באצויגן אויף וואס עס איז געווען אין זיינע יונגע יארן.

## אפלערנען די "קאלירן" פונ'ם "קשת"

עס איז דא א צווייטער תירוץ, וואס שטייט אין "יערות דבש" - א זייער שיינער מהלך. דער **יערות דבש** שטעלט זיך אויף א משנה אין שבת וואס ברענגט אראפ א פסוק וואס שטייט ווען שאול המלך איז נפטר געווארן. דארטן שטייט א לשון אז דוד המלך האט באוויינט שאול'ן מיט דעם לשון: "**ללמד את בני יהודה קשת**" - מען דארף אויסלערנען פאר די אידישע קינדער **קשת**. זאגט דער יערות דבש א דבר נפלא: וואס מיינט דאס אז יעצט ווען שאול המלך איז אוועק, דארף מען אויסלערנען פאר די אידישע קינדער, בני יהודה, דעם ענין פון קשת? די קשיא וואס מען פרעגט אויף רבי יהושע בן לוי איז: וויאזוי האט ער געקענט זאגן א ליגנט? "דובר שקרים לא יכון לנגד עיני". און אויך די קשיא וואס מען האט פריער דערמאנט, אז א קשת איז דאך א דבר טבעי. ער ברענגט - און באמת האט ער א מקור אין זוהר הקדוש, און ער צייכנט צו צום זוהר - אז עס זענען דא "צוויי סארטן קשתות". עס איז דא אמאל א **קשת** וואס איז א **דבר טבעי**, און דאס איז טאקע נישט קיין זאך וואס ווייזט חס ושלום אויף א גזירה; און עס איז דא א קשת וואס דאס איז טאקע יא די ריכטיגע קשת פון וואס דער פסוק רעדט "זאת אות הברית". מען קען דערקענען דעם חילוק לויט די גוונים, די קאלירן פון די קשת. אויב עס זענען דא **עטליכע קאלירן**, איז עס נישט קיין שלעכטער סימן; נאר אויב עס איז **איינגאנצן בלוי**, דעמאלטס "ווייזט עס יא". דער ענין פון **תכלת** איז א לשון פון **כליון**, און אויך ווייזט **תכלת** אז דער אייבערשטער האט רחמנות אויף דעם כליון, און דער אייבערשטער מאכט א **תכלית** טוב. קומט אויס אז מען דארף קענען אונטערשיידן ווען מען זעט א קשת; מען דארף קענען דעם זוהר הקדוש און מען דארף קענען "אפטייטשן" וואס דער קשת איז מרמז - צי עס איז אזא סארט קשת אדער אן אנדער סארט קשת. אבער א קשת פון פשוט'ע קאלירן איז בכלל נישט קיין שלעכטע זאך און בכלל נישט קיין חסרון.

ממילא, זאגט דער יערות דבש, קען מען זאגן א זייער שיינעם פשט: באמת איז אין די יארן פון רבי יהושע בן לוי יא געווען א קשת. וועלכע מין? די סארט מיט די קאלירן, וואס מיינט גארנישט קיין שלעכטס. ווען רבי שמעון בר יוחאי האט געפרעגט "נראית הקשת בימיך?", האט ער אוודאי נישט דאס געמיינט. ער האט אוודאי געמיינט די קשת וואס זאגט ארויס אז עפעס טויג נישט, עפעס א גזירה. אבער כדי עס זאל נישט הייסן קיין ליגנט, איז שוין געווען גענוג די דאזיגע זאך: ער האט געענטפערט "יא" ווייל עס איז געווען א קשת טבעי, און עס איז נישט געווען קיין קשת וואס ווייזט אויף א גזירה. פשוט, עס זענען דא צוויי סארטן קשת, און אין זיינע יארן איז געווען יענע סארט, און ער האט געמיינט צו פרעגן אויף דעם; דעריבער הייסט עס נישט קיין ליגנט.

ממילא פירט אויס דער יערות דבש אז לויט דעם קומט אויס אזוי: ווי לאנג עס איז דא א צדיק אויף דער וועלט וואס

יעדער ווייסט אז אין זיין זכות קען נישט זיין קיין גזירה, **דעמאלטס ווייסט מען מיט א רואיגקייט אז א קשת מיינט גארנישט,** עס איז א פשוט'ער דבר טבעי. עס קען נישט זיין קיין שרעקעדיגע מין קשת, ווייל עס איז דאך דא אזא גרויסער צדיק. מען דארף דעמאלטס נישט קענען דעם זוהר הקדוש צו פארשטיין צי עס איז די סארט קשת אדער יענע סארט קשת; עס איז זיכער נאר דא די פשוט'ע קשת וואס האט נישט קיין שלעכטן סימן. אבער ווען א צדיק גייט אוועק פון דער וועלט, יעצט קען שוין זיין אן "עכטע קשת", דעריבער דארף שוין דער עולם וויסן וואס א קשת מיינט, צי עס איז אזא סארט אדער די אנדערע סארט.

ממילא, ווען דוד המלך האט געוואלט ארויסברענגען דעם צער אז אזא **הייליגער צדיק** ווי **שאול המלך** איז נפטר געווארן, האט ער געזאגט אזוי: ווי לאנג שאול המלך האט געלעבט, האט מען נישט געדארפט **אויסלערנען** פארן עולם דעם **ענין פון קשת**. דער עולם האט נישט געדארפט וויסן די צוויי מיני קשתות, ווייל עס איז נישט געווען וואס זיך צו זארגן. ווען עס איז געווען א קשת, האט יעדער געוואוסט מיט א זיכערקייט - אזוי ווי מען לעבט דאך מיט אזעלכע **צדיקי יסודי עולם** ווי **שאול המלך** מיט **יונתן בן שאול** - אז עס מיינט זיכער נישט קיין שלעכטס. אבער יעצט, ליידער, ווען דער צדיק איז נפטר געווארן, איז שוין שרעקעדיג; יעצט קען שוין יא זיין א מין קשת וואס ווייזט אויף עפעס, כאטש נישט אייביג מיינט עס דאס. יעצט איז געווארן א נייע סארט ארבעט: "**ללמד את בני יהודה קשת**" - אויסצולערנען פארן עולם אז עס זענען דא צוויי סארטן קשת.

דאס איז דער צווייטער תירוץ פונעם יערות דבש: אז עס איז דא א קשת טבעי' און עס איז דא א קשת וואס ווייזט אויף א גזירה; די קשת טבעי' איז יא געווען, און דאס האט ער אינזין געהאט, בשעת רבי שמעון בר יוחאי האט אינזין געהאט די צווייטע קשת.

## וואס טוהט זיך אין "בבל"

עס איז דא א דריטער תירוץ. דער תירוץ שטייט אין די הגהות אויפן זוהר הקדוש, הגהות **ניצוצי אורות** פונעם הייליגן **חיד"א** (אזולאי). און אין די נייע מהדורא פונ'ם זוהר הקדוש מיט די הגהות פונעם **בני יששכר**, ברענגט דער הייליגער בני יששכר אליין דעם זעלבן תירוץ. אויך ברענגט דער אזולאי אין זיין ספר **פתח עינים**, דעם זעלבן תירוץ בשם א פריערדיגן פירוש אויף זוהר הקדוש וואס הייסט **אספקלריא המאירה**. א פריערדיגער ספר אויף זוהר הקדוש וואס הייסט "אספקלריא המאירה". זיי אלע ענטפערן דעם זעלבן תירוץ. כדי צו פארשטיין דעם תירוץ, דארף מען מקדים זיין דעם מקור פארוואס מען מוז צוקומען צו דעם תירוץ.

איז דא א **זוהר הקדוש** אין **פרשת ויחי** (דף רע"ה עמוד ב'), וואו רבי שמעון בר יוחאי זאגט אז ער וויל ארויסברענגען דעם חילוק צווישן די בני ארץ ישראל און די בני בבל. ער זאגט אז די בני ארץ ישראל קענען פיל בעסער פארשטיין די תורה; ווען ער לערנט מיט זיי זענען זיי פיל מער משיג, אבער די בני בבל טויגן עפעס נישט אזוי דערצו. ווען מען לערנט מיט זיי, כאפן זיי עס נישט גוט אויף און זיי זענען מגמגם. אזוי האט ער שטארק ארויסגעברענגט דעם ענין, אז דער חילוק איז אז די בני ארץ ישראל זענען מער קונה תורה בשלימות, בעת די בני בבל זענען עפעס אזוי צומישט. אפילו ווען מען לערנט מיט זיי תורה, באדויערט רבי שמעון בר יוחאי דעם פאקט אז זיי זענען אזוי צומישט און כאפן נישט אויף די זאכן קלאר.

[די וואך געפאלט די יארצייט פון דעם הייליגן גאון, קדוש ומקובל, **רבי לייבוש לאנצעטער** זצ"ל. עס איז ארויסגעקומען פאראיאר נאכצוזאגן באריכות פון זיין הייליגן ספר **גבורת ארי**, אז דער ענין פון מבול האט אויך א השפעה פון קדושה. **יעדע חודש חשון ווערט נתעורר דער ענין פון מבול**, און מבול מיינט אז עס "מבול'ט" השפעות פון חכמה. אבער איינער וואס איז נישט מסוגל דערצו, ווערט באמת צעטומלט פון דעם. ער טייטשט אויס אז די גוים האבן זיך דערשראקן ביי מתן תורה, "ה' למבול ישב" - עס האט געגאסן א מבול פון חכמה, האבן זיי מורא געהאט אז מ'וועט ווערן אינגאנצן צעדרייט און צעטומל'ט. אויף דעם האט בלעם געענטפערט: ניין, מען וועט נישט ווערן צעמישט, "ה' יברך את עמו בשלום" - 'בשלום' זענען די אותיות פון 'מלבוש'; דער אייבערשטער לייגט אריין די אלע סודות אין א מלבוש, כדי מען זאל קענען צוקומען צו דעם.

איז אינטערעסאנט צוצושטעלן אז דא זענען מיר אין זוהר הקדוש וואו דער זוהר רעדט פון **בבל**. ווי רש"י ברענגט, אז דארטן איז דאך **שנער**, וואו עס זענען געגאנגען אלע **מימי המבול**. זעט אויס אז אין בבל איז געבליבן אביסל פון יענע שוואכקייט, אז ווען עס **מבול'ט** אויף זיי **השגות החכמה**, ווערן זיי אביסל צעמישט, ווי רבי שמעון בר יוחאי ברענגט ארויס אז זיי קומען נישט אריין קלאר אין די זאך. עס איז טאקע א מבול פון חכמה, אבער עס זעט אויס אז די בני בבל האבן עפעס א השפעה פון די "צעמישקייט פונעם מבול.]

לייגט רבי שמעון בר יוחאי צו, אז די בני בבל זענען עפעס נישט אזוי בשלימות, "ולא עוד", נישט נאר דאס, "אלא דקשתא חזי עלייהו" - ביי זיי באווייזט זיך א קשת (רעגן-בויגן). דא אין ארץ ישראל באווייזט זיך נישט קיין קשת, ווייל דא געפינען זיך די הויכע אידן, אבער ביי די בני בבל באווייזט זיך יא א קשת. א בפירוש'ע זוהר הקדוש, אז רבי שמעון בר יוחאי ברענגט ארויס אז די בני בבל האבן נישט אזא געשמאק אין לערנען, ביי זיי איז עס נישט אזוי מורא'דיג, דעריבער באווייזט זיך ביי זיי א קשת.

יעדער וואס לערנט דעם זוהר הקדוש שטעלט זיך אפ: רבי שמעון בר יוחאי זאגט אז אין בבל אין זיין דור איז דא א

קשת? יעדער ווייסט דאך אז "כל ימיו אשר הי', אות הקשת לא נהי'". עס איז לכאורה מורא'דיג שווער, וויאזוי ער אליין זאגט אז די בני בבל האבן יא געהאט א קשת.

אויף דעם ברענגט דער **בני יששכר** אין די הגהות און אזוי אויך דער אספקלריא המאירה, אז עס זעט אויס פון דעם, אז ווען די גמרא זאגט אויף א צדיק אז בימיו איז נישט געזען געווארן קיין קשת, מיינט עס נאר אין דעם פלאץ וואו ער האט געוואוינט; אבער אין א ווייטן מקום, וואס האט גארנישט צו טון מיט אים, קען יא זיין א קשת. ווייל רבי שמעון בר יוחאי, וואס ביי אים איז זיכער נישט געווען קיין קשת, זאגט דאך אליין אין זוהר הקדוש אז די בני בבל האבן יא געהאט א קשת. איינמאל מען קומט צו דעם יסוד, אז דאס וואס עס איז נישט געווען קיין קשת בימיו מיינט נאר אין דעם פלאץ וואו ער וואוינט, אין זיין ישוב, קען מען שוין זייער גוט פארענטפערן אויך די גמרא פון רבי יהושע בן לוי. ווען רבי שמעון בר יוחאי האט אים געפרעגט "נראתה הקשת בימיך?", האט ער נאר געמיינט אין דעם פלאץ וואו ער וואוינט. רבי יהושע בן לוי האט געענטפערט "יא", ווייל ער האט זיך פארלאזט אויף דעם אז אין אנדערע פלעצער איז יא געווען א קשת. עס איז נישט געווען קיין ליגנט, ווייל אין אנדערע מקומות איז טאקע געווען א קשת, בעת רבי שמעון בר יוחאי האט געמיינט צו פרעגן צי עס איז געווען א קשת אין זיין מקום. ממילא איז זייער שיין פארענטפערט די מעשה פונעם זוהר הקדוש, און אויך די גמרא פון רבי יהושע בן לוי. דאס איז שוין דער דריטער תירוץ וואס מיר האבן אויף די קשיא.

למעשה, דער חיד"א אין "פתח עינים" ברענגט אראפ די גאנצע שמועס, אבער ער איז נישט צופרידן מיט דעם תירוץ. ער טענה'ט אז מען מוז זאגן אז **עס איז אינגאנצן נישט געווען קיין קשת אין יענע דורות**, ווי די ראיה פון די וואכעדיגע פרשה. דער אייבערשטער זאגט דאך "לדרת עולם" (חסר ו'), וואס לערנט ארויס אז אין געוויסע דורות גייט נישט זיין קיין קשת. אויב בימיו פון רבי שמעון בר יוחאי און רבי יהושע בן לוי איז יא געווען א קשת אין אנדערע מקומות, הייסט עס דאך אז עס איז יא געווען אין דעם דור. אויב אזוי, וואס מיינט דער "חסר ו'" פון "לדרת עולם"? מוז דאך זיין אז אין יענע גאנצע תקופה איז עס אינגאנצן נישט געווען. ער קריגט זיך אויף דעם פריערדיגן מהלך און זאגט אז מען מוז זאגן אן אנדערן פשט: עס איז בכלל נישט געווען קיין קשת, נישט ביי רשב"י און נישט ביי ריב"ל. דאס וואס דער זוהר הקדוש זאגט אז אויף די בני בבל איז דא א קשת, מיינט מען צו זאגן אז זיי זענען "ראוי" אז עס זאל זיין אויף זיי א קשת, ווייל עס פעלט זיי אין זייער שלימות, אבער למעשה איז עס נישט געווען. אויב אזוי איז אבער צוריק שווער: אויב אין די צייט פון רבי יהושע בן לוי איז בכלל נישט געווען קיין קשת, פארוואס האט ער געענטפערט אז עס איז יא געווען? דעריבער גייט ער צוריק צום ערשטן תירוץ וואס מען האט נאכגעזאגט פונעם מגן אברהם, אז מכאן ראיה אז א תלמיד חכם וואס ווייל באהאלטן זיינע מדרגות, מעג זאגן א ליגנט.

## ק'ש'ת' פון קדושה – און ק'ש'ת' פון פארקערט

עס איז דא נאך א מהלך וויאזוי צו פארשטיין אזא גמרא: אויף אן אופן פון "מילתא דמשתמע לתרי אנפי" עס צו פארענטפערן בדרך העבודה, אז עס איז געווען א געוויסע כוונה וואס רבי שמעון בר יוחאי האט געמיינט צו פרעגן, און רבי יהושע בן לוי האט געענטפערט אויף אן אנדערע סארט כוונה.

מיר האבן פריער געשמועסט, אז חודש כסלו'ס מזל איז 'קשת', וואס לויט דעם קומט אויס אז **קשת** איז א געוואלדיגע **הייליגע** און **גרויסע** זאך. דער בני יששכר ברענגט אז '**קשת**' איז די ראשי תיבות פון די דריי הייליגע מצוות וואס די יוונים האבן געוואלט מבטל זיין: **ק'ידוש החודש, ש'בת**, און **ת'מים** (מילה). דאך זעט מען אז א קשת איז אן אות ברית וואס דינט אלס א סימן פון א מבול וואס איז נישט אזוי גוט. עס ווערט טאקע געברענגט אין אלע ספרים פארשידענע בחינות אין דעם ענין.

שטייט אין דעם הייליגן ספר **צמח צדיק** - וואס ערב ראש חודש איז געווען זיין יארצייט - און א זייער ענליכע גאנג געפינט זיך אין דעם ספר **דרשות רבי יוסף נחמיה**, פון הגאון **רבי יוסף נחמיה קארניצער** זצ"ל. ער איז דאך געווען דער "בעל האושפיזין" ווען עס איז געקומען צו ל"ג בעומר, זייענדיג דער **רב אין קראקא**; ער האט אלץ געזוכט צו רעדן פון א נושא וואס נעמט אריין סיי **רבי שמעון בר יוחאי** און סיי דעם **רמ"א**. ער ברענגט אויך א זייער ענליכע גאנג, [ער דערמאנט טאקע דעם זעלבן רמ"א וואס מען האט פריער נאכגעזאגט פונעם של"ה הקדוש] ביידע ברענגען ארויס דעם זעלבן יסוד, און מ'ווערט עס נאכזאגן צוזאמען לויט די ווערטער פון ביידע: אז עס זענען דא צוויי סארטן "קשת". עס איז דא א קשת וואס טויג נישט, און עס איז דא א קשת אין קדושה.

"**קשת**" איז די ראשי תיבות פון די דריי געפערליכע זאכן וואס זענען מוציא דעם אדם מן העולם: ק'נאה, ש'נאה, ת'אוה, די אלע זאכן ברענגען אוודאי נישט קיין גוטס, און דאס איז א קשת וואס טויג נישט. אבער יעדע זאך האט דאך אויך אן ענין אין קדושה. דער צמח צדיק שמועסט אויס אז די אלע דריי זאכן זענען אוודאי שייך אין קדושה: "**קנאה**" - קנאת סופרים תרבה חכמה; "**שנאה**" - אוהבי ה' שנאו רע, מען דארף פיינט האבן דאס שלעכטס; און "**תאוה**" איז אויך שייך צו גלוסטן צום אייבערשטן, ווי עס שטייט "נפשי **אויתיך** בלילה". קומט אויס אז עס איז דא א קשת וואס טויג נישט - קנאה, שנאה, תאוה; און עס איז דא א קשת דקדושה - קנאת סופרים, שנאת רע, און די תאוה צו גלוסטן צום אייבערשטן.

רבי יוסף נחמיה ברענגט אויף אן אנדערן אופן בשם זיין גרויסן זיידן, דער הייליגער **חתם סופר**: מ'זאגט ביים דאווענען "**עשה למען תורתך, קדושתך, שמך**", די דריי זענען אויך ראשי תיבות "**קשת**". די קשת דקדושה גייט ארויף אויף **קדושתך, שמך,**

**תורתך**. ער טייטשט עס אויס זייער שיין, אז די דריי - קדושתך, שמך, תורתך - זענען טאקע קעגן קנאה, תאוה, שנאה. "**קדושתך**" איז פשוט קעגן **תאוה**, ווייל יעדעס מאל ווען מען צוימט איין א תאוה ברענגט מען ארויס קדושה. "**שמך**" - דער אייבערשטער לאזט אויסמעקן זיין נאמען פאר שלום, מען זעט ווי וויכטיג שלום איז ביים אייבערשטן; דאס איז קעגן די שנאה וואס ברענגען מחלוקת. און "**תורתך**" מיינט אז די **קנאה** זאל זיין נאר אין תורה.

אזוי ווי עס זענען דא דריי פארדארבענע מדות - קנאה, שנאה, תאוה - בעט מען דעם אייבערשטן אז קעגן דעם זאל זיין קדושתך, שמך, תורתך: קדושתך אוועקצונעמען די תאוה, שמך אוועקצונעמען די שנאה, און תורתך אוועקצונעמען די קנאה. לויט דעם איז זייער שיין דער פשט אין דער גמרא: רבי שמעון בר יוחאי האט אים געוואלט פרעגן, "אין דיין דור, וויאזוי האבן אידן געלעבט? זענען דארט געווען די אלע פארדארבענע מדות? נראתה הקשת בימיך? (קנאה, שנאה, תאוה)". ער האט געענטפערט "יא". זאגט אבער די גמרא, חס ושלום צו טראכטן אז עס איז געווען קנאה, שנאה און תאוה; ער האט פשוט נישט געוואלט "לאחזוקי טיבותא לנפשיה" האט ער געזאגט יא, ווייל אין זיינע צייטן איז געווען אן **אנדערע סארט קשת** - עס איז געווען **קדושה, שם, תורה**. עס איז געווען **קנאת סופרים, תאוה צום אייבערשטן**, און **שנאת רע**. עס איז טאקע געווען א קשת, אבער די גאר אנדערע סארט קשת; יעדע זאך האט מען אויפגעהויבן צו קדושה. אזוי קען מען דינען דעם אייבערשטן און יעדע זאך ארייננברענגען אין קדושה.

דער צמח צדיק טייטשט אויס אז דער אייבערשטער זאגט: "והיה בעונני ענן על הארץ" - ווען איך וועל חס ושלום מאכן א וואלקן און עס וועט זיין א קטרוג, וועל איך גלייך זען דעם לימוד זכות, "ונראתה הקשת בענן" - איך וועל זען ווי **אידישע קינדער אין דער פינסטערניש דינען דעם אייבערשטן** מיט א **קנאה דקדושה**, א **שנאה דקדושה**, און א **תאוה דקדושה**, און דאס וועט זיכער **ממתיק זיין אלע דינים צו רחמים**. אונזער עבודה איז, זיך גרייטנדיג צום **יום טוב חנוכה** וואס געפאלט אין **מזל קשת**, זיך צו שטארקן אין די דריי ענינים פון קנאה, שנאה, תאוה אויף דעם אופן פון קדושה. [ער ברענגט דארט א גאנצע אריכות, און דערמאנט אויך אז די קשת דקדושה גייט ארויף אויף דעם סוד פון די תקיעות: **ת**קיעה, **ש**ברים, **ת**רועה, עיי"ש]

## ל"ג בעומר אין "קראקא"

מיר וועלן אויספירן מיט נאך איין מהלך מסביר צו זיין די גמרא אויף א גאר טיפן אופן, וואס דער קראקעווער רב, הגה"ק **רבי שמעון סופר** זצוק"ל האט געדרש'נט ביום ל"ג בעומר לכבוד דעם רמ"א. ער האט זיך געשטעלט אויף דער גמרא מיט דער זעלבער קשיא וואס אלע פרעגן: וויאזוי קען זיין אז מען זאל חס ושלום זאגן א ליגנט? אבער די גרעסטע פלא איז וואס ער פרעגט אים: "איז געווען א קשת אין דיינע צייטן?" און ער ענטפערט: "אויב יא, אי אתה בר ליואי" (ביסטו נישט קיין זון פון לוי). דאס אז ער איז א זון פון לוי איז דאך א "פאקט", מען קען זיך נישט מפלפל זיין דערויף! ער וואלט אים געקענט זאגן "ביסט נישט ראוי פאר דעם כבוד", אבער וואס מיינט "דו ביסט נישט קיין בר ליואי"?

זאגט רבי שמעון סופר א מורא'דיגן געדאנק ער ברענגט אסאך מאל ארויס אין זיינע דרשות דעם ענין ווי מ'זעהט דעם "תמימות" פונעם הייליגן רמ"א. די חיבור פון רמ"א אויף שו"ע איז א ספר פול מיט מנהגי ישראל, די גאנצע גאנג פון הלכה אין שולחן ערוך איז מיט א **מסורה** ווי מען האלט זיך צום "שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך". עס קען זיך איינעם דאכטן אז דער הייליגער רמ"א איז געווען בלויז א תמימות'דיגער איד, נישט קיין טיפער מענטש, נאר זייער א גראדע - פשוטע'ר איד וואס גייט פארצייטיש. חס ושלום צו טראכטן אזוי, ווען מען קוקט אריין אין די אנדערע חיבורים פונעם רמ"א וואס ער האט געמאכט על פי חקירה און לומדות מיט די טיפסטע זאכן, זעט מען אז דער רמ"א איז געווען א **געוואלדיגער עמקן** מיט א **פילאזאפישן מוח**. פונדעסטוועגן דא אין שו"ע האט עס נישט בארירט זיין **תמימות** און זיין **דביקות** אין **מסורת אבות**. עס איז א געוואלדיגע גדלות פונעם רמ"א צו קענען זיין אזוי טיף און פילאזאפיש, און דאך ווען עס קומט צו אידישקייט און הנהגה, צו קענען זיין מיט אזא ביטול צו דער מסורה, פון יעדע "הכי נוהגין".

די בחינה פון האבן אזא ביטול הדעת צו דער מסורה איז א מדרגה פון איינעם וועמען מען רופט נישט אן מיט זיין אייגענעם נאמען, נאר מיט זיין טאטנס נאמען. איינער וואס מען רופט "**בר יוחאי**" - פארוואס רופט מען אים אזוי? ער האט דאך געהאט אן אייגענעם נאמען! נאר צו ווייזן אז ער איז נישט געווען קיין זאך פאר זיך אליין, ער איז בלויז געווען א המשך פון זיין טאטן. דאס זעלבע מיט דעם טיטל "בר ליואי"; מען האט געמיינט צו משבח זיין רבי יהושע בן לוי אז ער איז אזוי **דבוק אין זיין מסורת אבות**, אז מען רופט אים **נאך זיין טאטן**.

זאגט רבי שמעון סופר: דערפאר רופט מען אויך דעם רמ"א "רבי משה **איסרליש**" - איסרליש איז זיין טאטנס נאמען - אויך צו ווייזן די זעלבע זאך: אז דער רמ"א האט אזא ביטול הדעת און דביקות אין מסורת אבות, אז ער ווערט אנגערופן אויף זיין טאטנס נאמען. צו קענען זוכה זיין מען זאל אים רופן נאכן טאטן, קומט דאס לויט דעם ביטול הדעת צו דער מסורה מדור לדור, אן קיין שום אייגענע צווייפל, נאר עס אננעמען מיט דער גאנצער אמת און תמימות.

וואו ליגט דאס אין א **קשת**? זאגט רבי שמעון סופר זייער אינטערעסאנט: א קשת באוויזט זיך ווען עס איז פארוואלקנט, די זון קומט ארויס צווישן די וואלקענעס און "שלאגט זיך" מיט זיי; פון דעם קאנטראסט פון די קעגנזעצליכע כוחות שטעלט זיך ארויס א קשת. וואס רעפרעזענטירט די **זון** און וואס די **וואלקענעס**? די **זון** ווייזט ארויס **קלארקייט** און **לעכטיגקייט** - אמונה מיט קלארקייט. די **וואלקענעס** ווייזן אז עס איז **פארוואלקנט - מחשבות, קשיות** און **חקירות**.

ס'איז אמאל דא א מענטש, וואס אוודאי וויל ער זיך האלטן צו די מסורה, אבער ער ווערט נתבלבל; ער הייבט אן צו טראכטן

קשיות אהין און אהער, די קשיות שטערן אים, און ער מוז זיך דורכשלאגן מיט זיי ביז ער זעט ווי אלע קשיות ווערן פארענטפערט, און עס קומט צוריק צו אים די קלארקייט אזוי ווי מען האט אים אויסגעלערנט. אבער דער דורכגאנג איז א שווערער דורכגאנג; צו האבן די אלע קשיות און חקירות ביז די זון קומט צוריק ארויס, איז א שווערע עבודה. דאס איז די מציאות פון א **קשת**: די **זון שלאגט זיך מיט די וואלקענס**. די זון איז די קלארקייט פון די מסורה און פון די אמונה, און די וואלקענס זענען די קשיות וואס מען האט; ווען עס זענען דא צו פיל וואלקענס, מוז זיך די זון שלאגן.

ביי א מענטש וואס די **קלארקייט איז ביי אים די ערשטע זאך און ער לאזט נישט קיין מקום פאר קיין שום קשיות, דארט איז נישטא קיין קשת**. די זון איז אייביג דא, און זי האט נישט קיין וואלקענס מיט וואס זיך צו שלאגן. דאס איז דער פשט אז **רבי שמעון בר יוחאי** וואס האט געהייסן **"בר יוחאי"**, און **רבי יהושע בן לוי** וואס האט געהייסן **"בן לוי"** - ווייל זיי האבן געהאט אזא שטארקע דביקות אין זייער מסורת אבות, איז אין זייערע צייטן **נישט געווען קיין קשת**, צו ווייזן אז דארט זענען נישט געווען קיין קשיות און קיין חקירות. ביז מען האט געטראפן דעם אמת, נאר מען האט זיך נישט געלאזט פון גארנישט. סעיף א' איז ביי זיי געווען די אלטע "תורת אמך" וואס דער טאטע האט אויסגעלערנט, און אז דאס איז געווען דער יסוד, האבן די וואלקענס נישט געקענט אריינקומען. אבער די דורות וואס מוטשענען זיך מיט די קלארקייט אין דביקות המסורה, דארט איז דא א קשת; עס זענען דא וואלקענס און מען האט קשיות. אוודאי שלאגט מען זיך סוף-כל-סוף דורך די אלע קשיות, אבער דעמאלט ווערט שוין געשאפן א קשת.

דאס איז ממילא דער פשט: רבי שמעון בן יוחאי האט געפרעגט פון רבי יהושע בן לוי: "איך הער אז מען רופט דיך אין הימל 'בר ליואי', א חשוב'ער טיטל וואס מיינט אז דו ביסט ממש א טאטנ'ס א זון און דו פארמאגסט גארנישט קיין אייגענעם כח. עס איז א שטארקע טיטל, אבער לאמיר הערן צי עס איז טאקע אזוי: **'נראתה הקשת בימיך?'** - איז געווען א קשת אין דיינע טעג? זענען אין דיינע טעג געווען וואלקענס וואס האבן געוואלט ברענגען קשיות מיט דעות אהין און אהער?" האט ער געענטפערט: "יא". האט יענער געזאגט: "אויב אזוי, 'אי אתה בר ליואי' - דו ביסט נישט קיין **'בר ליואי'**; דו ביסט נישט אזא סארט מענטש וואס איז ממש איינס מיט זיין טאטן, ווייל אויב יא, וואס זוכט דא א קשת? דאס זענען דאך די וואלקענס וואס זענען אריינגעקומען זיך שלאגן מיט די זון וואס איז ארויסגעקומען."

וואס איז אבער דער אמת? זאגט די גמרא: "ולא היא" - עס איז טאקע נישט געווען קיין קשת. און טאקע דערפאר הייסט ער "בר ליואי", ער האט נאר נישט געוואלט "מחזיק טיבותא לנפשיה". וואס טייטש "לא מחזיק טיבותא לנפשיה"? ער זאגט א דבר נפלא: לכאורה איז עס דאך א ליגנט? נאר רבי יהושע בן לוי האט געענטפערט: "דו פרעגסט מיך צי עס איז געווען א קשת 'בימיך' - אין דיינע טעג? האב איך דען אייגענע טעג? איך האב אפילו נישט קיין אייגענע טעג, איך ווייס בכלל נישט וואס דאס מיינט; מיינע טעג זענען מיין טאטנ'ס טעג."

ממילא האט ער געענטפערט אן קיין ליגנט, דו פרעגסט "נראתה הקשת בימיך" - אויב אין "דיינע" טעג איז געווען א קשת, אבער איך ווייס נישט וואס "מיינע טעג" מיינט, ווייל איך האב נישט קיין אייגענע טעג. איך בין אזוי שטארק איינס מיט מיין טאטן, אז די טעג זענען בכלל נישט מיינע. דאס זאגט די גמרא "לא מחזיק טיבותא לנפשיה" - ער האט נישט געוואלט האלטן קיין שום חשיבות מיט זיך אליין. לויט דעם איז עס נישט געווען קיין ליגן, ווייל ער האט געמיינט צו זאגן: אין "מיינע" טעג איז געווען א קשת, אבער איך האב נישט קיין אייגענע טעג. און ווייל רבי יהושע בן לוי און רבי שמעון בר יוחאי האבן געהאט אזא שטארקע דביקות אין זייער מסורת אבות, אזוי אויך דער רמ"א, דעריבער איז נישט געווען קיין קשת און קיין וואלקענס, ווייל די לעכטיגקייט און קלארקייט פון די מסורת אבות איז געשטאנען איבער אלעס.

לויט דעם **מכתב סופר** קען מען זאגן בדרך אפשר א נייעם פשט אין רש"י אויף "לדורות עולם" וואס שטייט חסר: וועלכע דורות האבן נישט געהאט קיין קשת? די דורות וואס האבן געהאט אזא שטארקע דביקות אין מסורת אבות. אויב עס איז נישטא אזא דביקות, דעמאלט "רוקן זיך די דורות ווייטער". אבער אויב עס איז דא א דביקות אין מסורת אבות, איז עס "איין דור אינאיינעם מיט'ן טאטן".

לויט דעם זאגט רש"י אזוי: "לדורות" שטייט חסר. געווענליך טייטש "דורות" אז די דורות רוקן זיך, אבער ווען עס איז "חסר", מיינט עס אז עס פעלט פון די ריבוי הדורות, ווייל **די דורות טוישן זיך נישט**. אין "די דורות" וואס טוישן זיך נישט, דארט איז נישטא קיין קשת. דורך דעם דביקות זענען נישטא קיין **וואלקענס**, נאר עס איז דא א **זון** "כצאת השמש בגבורתו"; מיט אזא לעכטיגקייט קען מען טאקע דינען דעם אייבערשטן מיט די ריכטיגע מסורה, און זוכה זיין צו "עשה למען **שמך**, **קדושתך**, **תורתך**", מיט אלע השפעות טובות.


## להאזין ולהתענג משיעורי קול שיחתי

שיעורים קצרים מדי יום ביומו
ושיעורים מדי שבוע בשבוע



אמעריקע: 605-477-5551
ארץ ישראל: 073-388-6653
אייראָפּע: 44-333-070-6593



פאר הערות, הוספות, נדבות, און באקומען דעם גליון אויפן אימעיל:

אימעיל:
machonsichoosi@gmail.com
טעלעפאָן:
605-477-5551,7